# עסנווארג מיט עדאָלטערענטס: וואס עסנווארג ביזנעסער דארפן וויסן

עדאָלטערענטס זענען בעמיקאלן וואס ווערן צוגעלייגט צו עסנווארג זיי צו האלטן פריש, טוישן די קאליר אדער אנדערע בעמיקאלן וועלכע זענען **נישט** באשטעטיגט דורך די ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) העלט דעפארטמענט, די NYS דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, פאראייניגטע שטאטן עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA) אדער די פאראייניגטע שטאטן אגריקטולטור דעפארטמענט צו אריינגעלייגט ווערן אין עסנווארג.

## וועלכע בעמיקאלן ווערן פאררעכנט צו זיין עסנווארג עדאָלטערענטס?

פילע בעמיקאלן ווערן פאררעכנט צו זיין עדאָלטערענטס און טארן נישט אריינגעלייגט ווערן אין עסנווארג. עטליכעביישפילן זענען:

- אקטיוויזירטע קויל (Activated charcoal)
- קאנאביס פראדוקטן ווי צום ביישפיל cannabidiol (CBD) און קאנאביס וואס האט מער פון 0.3% tetrahydrocannabinol (THC) אין סיי וועלכע פארעם
  - א ביזנעס מוז האבן א ספעציפישע לייסענס פון די NYS אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) צו פראדוציר‌ן, פארקויפן אדער אפפערן עסנווארג מיט CBD אדער קאנאביס.
  - עסנווארג סערוויס ביזנעסער (Food Service Establishment, FSE) טארן נישט פראדוצירן אדער אפפערן עסנווארג וואס אנטהאלטן CBD אדער קאנאביס. FSE'ס טארן נישט אריינלייגן CBD אדער קאנאביס אין עסנווארג.
  - FSE'ס טארן **נישט** ערלויבן מענטשן צו נוצן CBD אדער קאנאביס אין זייער לאקאציע.
  - עסנווארג וואס אנטהאלטן די בעמיקאלן מעגן נאר פארקויפט ווערן דורך ביזנעסער וועלכע זענען לייסענסירט צו פארקויפן CBD אדער קאנאביס פראדוקטן. CBD און קאנאביס מוז געטעסט ווערן ביי א לאבארעטאריע וואס ווערט באשטעטיגט דורך NYS און עס מוז געפאקט ווערן און געלעיבעלט ווערן אויספאלגנדיג NYS פאדערונגען, און עס מוז געקויפט ווערן פון א דיסטריביוטער אדער פראצעסירער וואס האט א לייסענס פון די NYS OCM.
- סינטעטישע קאנאביס פראדוקטן, delta-8, אויך באקאנט אלץ delta-8-THC
- דיעטע סאָפּלעמענטס פאר מענטשן אדער חיות, אריינרעכענענדיג מולטי-מינעראל, מולטי-וויטאמינען, וויטאמינען, פראוטינס, מינעראלן, בעמיקאלן וואס וועקן אויף די הארמאונס, אויל סאָפּלעמענטס און גרעווירצן ווי צום ביישפיל Kava Kava
- טרוקענע אייז און פליסיגע נייטראָודזשען
  - טרוקענע אייז טאר נישט סערווירט ווערן.
  - סיי וועלכע פליסיגע נייטראָודזשען מוז לאזן אויסגעטרוקנט ווערן אדער אראפגעגאסן ווערן פון עסנווארג בעפאר עס ווערט סערווירט.
  - טרוקענע אייז אדער פליסיגע נייטראָודזשען טארן נישט אריינגעלייגט ווערן אין עסנווארג בעפארן סערווירט ווערן אויב עס וועט זיין פארנעפלט אדער פאררויכערט ווען די עסן ווערט סערווירט אדער געגעסן.
- Kratom (7-hydroxymitragynine און mitragynine). די FDA האט נישט באשטעטיגט kratom פאר קיין שום באנוץ, און זי זעצט פאר צוווארענען מענטשן נישט צו נוצן סיי וועלכע פראדוקטן וואס עס

שטייט אויפן לעיבעל אז עס אנטהאלט די kratom פלאנצונג בעמיקאל אדער באשטאנדטייל דערפון וואס ווירקן אויף די מוח.

פאר מער אינפארמאציע איבער וועלכע בעמיקאלן קענען ארייגעלייגט ווערן אין עסנווארג, באזוכט **fda.gov/food/food-additives-petitions/food-additive-status-list**. די ליסטע ווערט רעגלמעסיג אפּדעיטעד.

פאר מער אינפארמאציע איבער לייסענסירונג פאר קאנאביס פראדוקטן און איבער די NYS OCM, באזוכט **cannabis.ny.gov**.

**וואס זאל איך טוהן אויב איר ווייס נישט אויב א בעמיקאל ווערט פארעכנט צו זיין אן עדאָלטערענט?**
פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע'ס (NYC העלט דעפּארטמענט) Office of Food Safety and Community Sanitation (אפיס פון עסנווארג זיכערהייט און קאמיוניטי ריינקייט) אויף 646-632-6001 אדער **infobfscs@health.nyc.gov**.

**וויאזוי קוקט די NYC העלט דעפּארטמענט איבער עסנווארג פאר עדאָלטערענטס דורכאויס אינספעקציעס?**
אינספעקטארס קוקן איבער באשטאנדטיילן, עסנווארג לעיבעלס און מעניו‌ס פאר בעמיקאלן וועלכע זענען נישט באשטעטיגט צו ארייגעלייגט ווערן אין עסנווארג. אויב אן אינספעקטאר געפונט סיי וועלכע עדאָלטערנעט אין אן עסנווארג אדער געטראנק, וועט דער עסנווארג אדער געטראנק אוועקגעווארפן ווערן.

**צו קען איך באקומען א פארלעצונג מעלדונג פארן האבן עדאָלטערענטס אין עסנווארג אין מיין FSE?**
יא. אויב איר לייגט אריין עדאָלטערענטס אין עסנווארג אדער אויב איר האט עסנווארג מיט עדאָלטערענטס אין אייער FSE קענט איר באקומען א סאָמענס וואס קען באגלייט ווערן מיט קנסות און פארלעצונג פונקטן וואס ווערן גענומען אין חשבון ביים גיבן אייער 'אות' צייכן.

**צו קען מיין ביזנעס פארשלאסן ווערן פארן פארקויפן עסנווארג אדער געטראנקען מיט עדאָלטערענטס?**
יא. אויב ווארפט איר נישט אוועק די עסנווארג אדער געטראנקען לויט די אנווייזונגען פון דעם NYC העלט דעפּארטמענט אינספעקטאר, אדער אויב איר ווערט געכאפט מיט איבערחזר'נדע פארלעצונגען פארן פארקויפן אדער אפּפערן עסנווארג אדער געטראנקען מיט עדאָלטערענטס, וועט די NYC העלט דעפּארטמענט מעגליך פארשליסן אייער ביזנעס.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט פאר "**adulterated food**" (עסנווארג מיט עדאָלטערענטס).

4.23 Yiddish